בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת ראה תשע"ג　　שבת מברכין אלול　　גליון 231 [שנה ה']


**רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן:** (י"א כ"ו) לכאורה וואלט געדארפט שטיין ראה "אני" נותן? נאר דער בעל הטורים ברענגט א מדרש: ראה אנכי, מיינט מען אנכי פון די עשרת הדברות. איך האב געהערט פון הייליגן מויל פון הגאון הקדוש מצאנז זצוק"ל, אז עס איז דא צוויי בחינות אין אמונה, איין אויפן: אז מען גלויבט אין ה' ווייל די הייליגע תורה הייסט אז מען דארף גלויבן, די צווייטע אויפן: וואס מען האט זיך אויסגעארבעט און מען זעט מיט קלארע אויגן אז עס איז דא א באשעפער, דאס איז אסאך העכער פון גלויבן, קען זיין פשט אין פסוק, ראה, אנכי: זאלסט זען מיט דיינע אויגן דעם אנכי ה' אלקיך, אז עס זאל זיין אריינגעווארצלט אין דיר, ראה, און נישט נאר מיט אמונה. (קדושת יו"ט סיגעט) הגה"צ ר' אביגדור מילר זצ"ל טייטשט וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם "וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל־לְבָבֶךָ" כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים: (דברים ד לט) דו זאלסט דאס אריינזעצן אין דיין הארץ עס זאל זיין א חלק פון דיר אז ה' הוא אלקים. על פי זה וואלט מען געקענט מפרש זיין וואס מען זאגט ביי תפילת ערבית, ואמונה כל זאת וקים עלינו, וואס איז די דאפעלט לשון אמונה מיט קים? נאר לויטן הייליגן פשט פון קדושת יו"ט, קען מען זאגן דא אויך, ואמונה כל זאת: די ערשטע מדריגה איז אמונה בה' ווייל די תורה האט געהייסן גלויבן, אבער דאס איז נישט גענוג, מען דארף גיין העכער אין אמונה, אזוי ווי ראה אנכי, און דאס מיינט וקים עלינו, עס איז שוין אריינגעווארצלט אין דיר אז מען זעט בחוש אז עס איז דא א באשעפער. (שמח זבולון)

**נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה:** (י"א כ"ו) פרעגן אלע מפרשים שכר מצוה בהאי עלמא ליכא? אויך איז שווער דער לשון לִפְנֵיכֶם עס האט געקענט שטיין רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן הַיּוֹם? נאר מען קען דאס מסביר זיין לויט וואס עס שטייט אין הייליגן ספר קדושת יום טוב וואס פרעגט ווי אזוי האט יעקב אבינו געקענט שיקן מלאכים צו עשו? נאר דאס זענען געווען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון זיינע מצוות. (עיין ישמח משה) אויב אזוי איז שווער אויב יעקב אבינו האט זיך באנוצט מיט מלאכים איז דאס זיין שכר, און שכר בהאי עלמא ליכא? נאר מען קען זאגן אז זיי זענען באשאפן געווארן פון די הכנה פון די מצוות און פון א הכנה למצוה איז דא שכר בהאי עלמא, מיט דעם טייטש ער "וישלח יעקב מלאכים" איי מען טאר זיך נישט משתמש זיין מיט מלאכים? נאר "לפניו" די זענען מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די הכנה למצוה און דאס האט יעקב אבינו יא געקענט שיקן. מיט דעם קען מען זאגן פשט ראה אנכי נותן לפניכם דאס מיינט פאר די מצוה, די הכנה, און אויף דעם איז דא שכר בהאי עלמא. (תורת יפה בעסערמין) מיט דעם קען מען צולייגן, שטייט שכר פון א מצוה איז נאך א מצוה. דער הייליגער תפארת שלמה ברענגט אז דער ענין פון הכנה לתפלה איז כדי דער מענטש זאל ווערן א כלי צו מקבל זיין די השפעות פון זיין דאווענען, אויך די הכנה לשבת איז כדי צו באקומען די השפעות פון שבת קודש קען זיין דאס מיינט שכר מצוה וואס מען באקומט אויף די וועלט וואס דאס איז א הכנה, די שכר איז מצוה, אז מען וועט באקומען די השפעות פון די מצוה פון דעם דאווענען און דעם שבת קודש. (שמח זבולון המו"ל)

**רְאֵה אָנֹכִי:** (י"א כ"ו) מען דערציילט אז א איד איז אמאל אריין צום הייליגן סאטמאר רב דער בעל דברי יואל זצוק"ל און שטייט און קוקט אויף זיין הייליגע צורה און זאגט גארנישט און בעט נישט קיין בקשה. נאך א פאר מינוט פרעגט אים דער רבי "וואס האט ער געדארפט?" ענטפערט דער איד, אז ער האט געזען אין אור החיים הק' אויפן פסוק "ראה אנכי" אז משה האט געזאגט אז מען זאל קוקן אויף זיין פנים וועט דאס ברענגען א ברכה פאר די וואס קוקן, וועגן דעם קוקט ער אויפן צורה פון רבין! רופט זיך אן דער רבי: אנכי מיינט "זיך" בעסער קוק אריין אין דיר און זע וואס דו דארפסט ביי דיר פארעכטן. (שמעתי)

**אֶת־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ וגו' וְהַקְּלָלָה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ:** (י"א כ"ז – כ"ח) דארף מען פארשטיין פארוואס ביי די ברכה שטייט אֶת און ביי די קללה שטייט נישט אֶת? נאר מען קען זאגן בדרך צחות אז פון א' צו ת' איז א דא א גרויסע מרחק אבער פון ו' צו ה' איז זייער נאנט, און את איז דאך לרבות ממילא ביי די ברכה וועט זיין א גרויסע שפע פון א' ביז ת' אבער ביי די קללה וועט עס נאר זיין קליין פון ו' צו ה'. (ראיתי)

**לֹא תַעֲשׂוּן כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ עֹשִׂים פֹּה הַיּוֹם אִישׁ כָּל־הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו: כִּי לֹא־בָאתֶם עַד־עָתָּה אֶל־הַמְּנוּחָה וְאֶל־הַנַּחֲלָה:** (י"ב ח–ט) דארף מען פארשטיין די שייכות הפסוקים כִּי לֹא־בָאתֶם עַד־עָתָּה צו לֹא תַעֲשׂוּן כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ עֹשִׂים פֹּה הַיּוֹם אִישׁ כָּל־הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו? נאר דער רשב"א איז מחדש אין מס' (שבת פ"ט) מכאן מודעה לאורייתא אז די אידן קענען טענה'ן טענת אונס, אויב זיי וועלן נישט פאלגן די מצות ה', אבער דאס איז נאר פאר די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל, אבער נאכן אריינגיין איז נישטא די טענה. ווייל עס שטייט אין תהלים (ק"ה מ"ד) וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו. אין א"י איז שוין דא די חיוב צו טאן אלע מצות ע"כ. קען זיין פשט אין פסוק: משה זאגט: לֹא תַעֲשׂוּן כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ עֹשִׂים פֹּה הַיּוֹם, די טענת אונס איז נאר יעצט, ווייל כִּי לֹא־בָאתֶם עַד־עָתָּה אֶל־הַמְּנוּחָה, אבער אין ארץ ישראל וועט שוין נישט העלפן די טענת אונס. (ימין יוסף – שמעונאוויץ)

**שְׁמֹר וְשָׁמַעְתָּ אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וגו' לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ עַד־עוֹלָם כִּי תַעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ:** (י"ב כ"ח) שטעלט זיך די קשיא עס שטייט דא אין פסוק שמר ושמעת למען ייטב לך, לכאורה איז פשט אז מען זאל היטן די מצוות אז דער אויבערשטער זאל דיר געבן גוט'ס, איז שווער ווי אזוי מעג מען טאן די מצוות על מנת לקבל פרס ווען עס שטייט אין פרקי אבות "אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס"? נאך איז שווער פארוואס שטייט כִּי תַעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ עס וואלט געקענט שטיין נאר כִּי תַעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר? נאר דער ענין איז אז משה רבינו האט דא געלערנט א יסוד אין עבודת ה': אז דער דרך פון אויבערשטן איז, להיטב לברואיו, ער וויל נאר טאן גוטס פאר כלל ישראל, און דאס איז די גרעסטע הנאה פארן אויבערשטן אז ער קען טאן גוט'ס פאר זיין באליבטער פאלק. און די השפעות פון גוט'ס קומען אבער נאר ווען מען טוט מצוות. דאס מיינט "למען ייטב לך" דער אויבערשטער וויל געבן גוט'ס, ממילא ווען מען היט די מצוות, וועט זיין "כִּי תַעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ", אז דער אויבערשטער וועט זיך פרייען, ווייל ער וועט קענען געבן זיינע השפעות טובות פאר דיר, קומט אויס אז היטן מצוות איז צו מהנה זיין דעם אויבערשטן ער זאל משפיע זיין און להטיב לברואיו. (ייטב לב בשם אביו הגה"ק ר' אלעזר ניסן)

הוספה צו די מדה פון מענטשליכקייט: מיר האבן געברענגט אז הגה"ק ר' יונתן שטייף זצ"ל פלעגט נאכן באקומען שיריים פון הגה"ק רבינו יואל מסאטמאר זצוק"ל האט ער געזאגט "דאנקע שיין". האט ר' אלכסנדר אליעזר קנאפפלער נ"י מוסיף געווען אז דער רבי פלעגט אים צוריק ענטפערן אז די גמ' זאגט אז דאנקע איז א שטות! אויך האט ר' יונתן געזאגט, אז ביז דער פיש האט ער מיטגעהאלטן, אבער נאכדעם איז שוין געווען העכער פון זיין השגה. נאך האט הר' קנאפפלער דערציילט אז ווען ר' יונתן האט באקומען א חתונה איינלאדונג האט ער געהייסן פרעגן די נעמען פון חתן כלה און געבעטן פאר זיי ביום החופה.

# מדור העובדות

## באקומען זיין געלט צוריק

עס איז געווען א רייכער איד, ר' מענדל זאלץ האט ער געהייסן. ער האט געהאנדלט מיט פריצים, געקויפט וואגאנען - תבואה, אויך גרויסע וועלדער און פעלדער און גוט פארדינט. ר' מענדל איז געווען א גרויסער בעל מכניס אורח און געטיילט אסאך צדקה.

עס האט זיך געמאכט צו קויפן א גאנצע וואלד ביי זיין באקאנטן פריץ און עס שטייט אים צו פארדינען א ריזיגע סכום, אבער צו קויפן די וואלד האט ער געדארפט אנבארגן אסאך געלט. איז ער געקומען מיט זיין אוצר פון געלט צום פריץ און טרעפט ווי דער פריץ שפירט זיך נישט גוט, דער קאפ טוט אים וויי, און די ביינער ברעכן אים און ער קען נישט ענדיגן דעם געשעפט און בעט ר' מענדל צוווארטן א טאג צוויי וויל קיינער וועט אים נישט אויסכאפן. אבער וואס טוט מען מיט דעם גרויסן סכום געלט? ער האט מורא צו גיין ביינאכט. האט ער דאס איבער געלאזט ביים פריץ וואס איז זייער ארנטלעך, וואס ער האנדעלט שוין מיט אים אסאך יארן. און ער האט נישט גענומען פון פריץ קיין צעטיל.

ר' מענדל איז געקומען אין צוויי טעג ארום און הערט אז דער פריץ לעבט שוין נישט. נו! יעצט קען מען גארנישט טאן, ער מוזווארטן א טאג צוויי. ר' מענדל איז צוריקגעקומען אין צוויי טעג אבער יעצט איז שוין געווען דער בעל הבית דער זון פון פריץ וואס איז דער היפך פון זיין טאטן, א קארטן שפילער און א געלט פארשווינדער און דערצו א שונא ישראל.

וואס ווילסטו? בייזערט זיך אויף אים דער יונגער פריץ! זאגט אים ר' מענדל איך האב געגעבן דיין טאטן א גרויסע סכום געלט אפצוקויפן א וואלד. פרעגט אים דער יונגער פריץ צו האסטו א צעטיל? ענטפערט ר' מענדל "איך האב געהאנדעלט יארן לאנג מיט דיין טאטן מיט א געטריישאפט און פארלאזט אויף זיין ווארט". רעדט ר' מענדל מיט טרערן אין די אויגן, פילענדיג זיין בראך.

גייי ארויס פון דאנעט! שרייט דער פריץ און ער רייצט גלייך אן זיי הונט אויף אים און ר' מענדל איז קוים ארויס מיטי לעבן. און ער איז אהיים געקומען און געבליבן א עני ואביון. דער מזל האט זיך געדרייט אויף ר' מענדל ער האט געבארגט געלד און געמאכט פילע געשעפטן. אבער ער האט אלעס דערלייגט, און ער ווערט מיט יעדן טאג א גרעסערער בעל חוב. ער האט שוין נישט וואו צו בארגן. עס גייט אזוי אוועק א יאר נאך א יאר מיט א לעבן פון דחקות. ר' מענדל איז נישט מתרעם אויפן אויבערשטן וויל ער האט דאס ערליך פארדינט.

אבער איין גרויסע זארג האט ער געהאט: זיין טאכטער וואס איז געווען זייער א געראטענע, איז דערוויל אונטער געוואקסן. בשעת ער איז געווען א עושר, האט ער געחלומט פון נעמען א עילוי וואס זאל באלייכטן זיין הויז, אבער יעצט אז ער איז א ארימאן און האט נישט צו געבן קיין נדן איז נישטא וואס צו טראכטן פון נעמען אזא בחור.

איין טאג זאגט אים זיין ווייב. מיר טארן נישט לענגער ווארטן מיט אונזער טאכטער. גיי צום רבין און דערצייל אים פון אונזער לאגע און בעט איהם א עצה וואס צו טאן. ר' מענדל איז געווען א חסיד פון ר' יחזקאל מקוזמיר און נאך זיין פטירה איז ער געווארן א חסיד פון זיין זון הרה"ק ר' דוד צבי פון ניישטאדט מחבר ס' חמדת דוד. אגב דער הייליגער חפץ חיים איז געווען זייער נאנט מיט אים. ר' מענדל איז אויפגעשטאנען און גענומען זיין טלית און תפילין מיט א שטיקל ברויט און ער האט זיך געלאזט אויפן וועג צום רבין מיט די פיס וויל ער האט נישט געהאט אויף הוצאת הדרך. אזוי ווי ר' מענדל האט איבערגעטראטן דעם רבינ'ס שוועל האט ער זיך אויסגעגאסן זיין פארביטערעטער הארץ.

הייליגער רבי! ביז יעצט האב איך זיך נישט באקלאגט! איך האב געליטן דחקות, געהונגערט, און געגעסן טרוקענע ברויט און נישט געהאט קיין טענות צום אויבערשטן! אומזיסט שטראפט נישט דער אויבערשטער. אבער יעצט האנדלט זיך וועגן מיין טאכטער, א ערליך קינד! מיין הארץ ווערד צושניטן פון צער! זי איז שוין א מיידל אין די יארן. און מען טרעפט נישט קיין שידוך.

דער צדיק איז געווארן שטארק גערירט פון ר' מענדל'ס טרערן, און זיין לעכטיגע צורה האט זיך פארוואנדערט מיט צער און רחמנות. דער רבי האט אויף א ווילע זיך פאטראכט און עס איז אנגעקומען א רחמנות אויף זיין פנים. האט דער רבי ארויסגענומען פון זיין טאש א זלאטי -וואס איז 100 גראשין- און דאס איבערגעבן פאר ר' מענדל און געזאגט. נעם א זלאטי און זיי מצליח! ר' מענדל האט שוין געוואלט גיין און דער רבי רופט איהם צוריק. גיב אהער דעם זלאטי! וועסט האבן גענוג א פערציגער -40 גראשין-! און ער נעמט ביי אים דעם רובל און גיט א פערציגער.

ר' מענדל פארשטייט נישט אבער ער נעמט דעם פערציגער און גייט אוועק. ווען ער איז געווען אין הויף יאגט אים נאך די שמש, דער רבי רופט! "גיב צוריק די פערציג גראשין" זאגט דער רב מיט א שמייכל, דא האסטו א צענערל -צען גראשין- און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן! און גיי לחיים ולשלום! יעצט האט זיך ר' מענדל שוין געיאגט אין וועג אריין. ער איז אפגעגאנגען צופוס עטליכע טעג. דער רבי האט אין אים געגעבן א שטארקע בטחון אז דער אויבערשטער וועט אים העלפן. אינמיטן הערט ער ווי מען רופט אים אין פוליש זשידק זשידק! ער דרייט זיך אויס און ער זעהט עטליכע יונגע פאסטיכער אויפן פעלד זיצן ארום א פייער איינער פון זיי רופט אים און פרעגט: ווילסטו קויפן דאס? ער ווייזט אים א ביכל מיט גאלדענע טאוולען און ער דערציילט דערביי: מיט א שעה פריערט איז דא א דורכגעפארן א פריץ און האט דאס פארלוירן! קויף עס! ר' מענדל נעמט דאס ביכל און ער עפענט דאס אויף און זעט א פארמעגן פון גרויסע פאפירענע געלט! און די פארגרעבטע פאסטוכער ווייסן גארנישט וואס דאס זענען.

"וויפיל ווילט איר פארדעם"? פרעגט ער. גיב א זלאטי! זאגט ר' מענדל "וואס איז דאס דען ווערד"? א צענער קען איך אייך געבן דערפאר. זיי ווילן דאס נישט נעמען. רופט זיך אן א צווייטער פאסטך "א פערציגער וועסטו יא געבן"? "מער ווי א צענער קען איך נישט געבן"! ענטפערט ער. זאגט איינער "די טאוולען זענען מער ווערד"! זאגט ר' מענדל "ווייסט איר וואס, דער עיקר שיינקייט זענען די טאוולען זיי זענען באדעקט מיט גאלד. נעמט א צענער און גיט מיר די פאפירעלאך. די טאוולען באהאלט פאר זיך! סיי ווי סיי זענען די פאפירעלאך נישט איינגענייט נאר אריינגעלייגט! "זאל זיין" האבן די פאסטיכער מסכים געווען. האט ער ארויסגענומען די פאפירענע געלט און צוריק געגעבן די טאוולען און באצאלט א צענער און איז אוועק.

אין מיטן איז א דורך א רייטער, און ער איז אראפ פון פערד. ווי נאר זיי האבן איהם געזעהן האבן זיי זיך דערשראקן און אריינגעווארפן די טאוולען אין פייער און אנטלאפן. ר' מענדל האט זיך באהאלטען אונטער א בוים און האט געקוקט אויף דעם רייטער און ער האט איהם גלייך דערקענט אז דאס איז דער יונגער פריץ און ער האט פארלוירן די געלט! ערווארט צו זען וואס עס וועט געשען. דער פריץ לויפט גלייך צו פייער וויל ער האט פון דערווייטענס געזען ווי די פאסטוכער האבן עפעס אריינגעווארפן אין פייער, ער כאפט א צווייג און שארט ארויס די טאוולען און גיט ארויס א געשריי "מיין געלט האבן זיי פארברענט און נעמט זיך וויינען"! נאך א שטיק צייט איז ער ארויף אויף זיין פערד און אוועקגעפארן אין וואלד אריין.

ר' מענדל איז שנעל אהיים געגאנגען און הויבט אן ציילן די געלט פון דעם ביכל און עס איז געווען פונקט וויפיל ער האט איבערגעגעבן פארן אלטן פריץ. יעצט האט ער פארשטאנען די רוח הקודש פון זיין רבין. וויל ווען ער האט די זלאטי און קויפט די ביכל וואלטן די פאסטוכער אנגעוויזן אויף אים אז ער האט די ביכל און דער פריץ וואלט דאס צוגענומען פון אים. אויך האט דער רבי פארפראוועט דעם שמועס מיטן פערציגער און צענער אז זיי זאלן מסכים זיין צום מקח זיע"א.

מזל טוב לאחי היקר ר' אהרן נח הלוי קליטניק ני"י לאירוסי בנו היקר יצחק משה עב"ג. ולאימ הרי"ר אליעזר הלוי שליט"א. לר' שמחה בן ציון דויטש ני"י להיכנס בנו לעול המצוות. לר' אלכסנדר אליעזר קנאפפלער ני"י להולדת הבן אצל בנו הר' יוסף יואל שליט"א

לעי"נ זקני הר' יצחק הלוי קליטניק ע"ה א' אלול תשמ"א ולעי"נ חמותי מרה שרה ע"ה בן ר' חיים אהרן הכהן זצ"ל טויס"ג ב' אלול תשנ"ב


*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים - צו פארקויפן* –. **שטעקן פון הייליגן מקובל הרש"ש.** ספר שערי תשובה לרבינו יונה דפוס ראשון פאנו רס"ה, ספר עם חתימת הכנסת יחזקאל מדעעש והגה"ה בכת"י מבנו הה"צ ר' יעקב אלימלך הי"ד, מכתב מבעל דברי חיים מצאנז, ספר מנוחת אשר חלק א' דפו"ר אשר הי"טב לב בהסכמתו כותב שמי שיגיד חידוש מהספר "ימלא ה' כל משאלותיו". ספר מנוחת אשר חלק ב' דפוס ראשון שי"ך להגה"ק ר' משה יוסף האפפמאן מפאפא שהיה לו גילוי אליהו. מיר האבן אויך צו פארקויפן די מטבע ארויסגעגבן לכבוד דעם הייליגן חת"ם סופר

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1pm**